בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת שְׁמִינִי

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**נִישְׁט לַאכְן אוּן שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן קְלַאס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אָדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגֶא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג אוּן פִיר זִיךְ וַוייטֶער מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן קְלַאס. דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זוּכְן צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן לַאכְן בִּשְׁעַת דִי טִיטְשֶׁער אִיז אִין קְלַאס זֶענֶען רוֹב מָאל רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס זוּכְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְטְשֶׁן), דֶערְפַאר מַאכְן זֵיי זִיךְ נַארִישׁ אִינְמִיטְן קְלַאס כְּדֵאי צוּ גֶעווִאוּנֶען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיף זֵיי אוּן לַאכְן מִיט זֵיי וְכוּ'. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ הֶער אוֹיס וָואס דַיין טִיטְשֶׁער לֶערְנְט אוּן פָאלְג אַלֶעס וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דִי בְּרִיוו פַאר דַיינֶע חַבְרֶ'טֶעס, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז אוֹיבּ זֵיי לַאכְן וֶוען דִי טִיטְשֶׁער אִיז אִין כִּיתָּה מַאכְן זֵיי מִיר גְרוֹיס צַעַר אוּן אוֹיבּ זֵיי פִירְן זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין מַאכְן זֵיי מִיר אַ נַחַת רוּחַ.

דַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ אִיז מַמָּשׁ אוֹיסְנַאם; דוּ פָאלְגְסְט דַיין מַאמֶע אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִי הָאט פוּן דִיר גְרוֹיס נַחַת. דוּ בִּיסְט אַ שְׁטָאלְץ פַאר אוּנְזֶער סְקוּל 'בֵּית פֵּיגֶא'.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

~~~~~~~~~~~

**הַדְרָכוֹת פַאר דִי דְרֵייוֶוערְס פוּנֶעם מוֹסָד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אָדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן הֶעלְפְן מִיט דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פַאר דִי מוֹסָד.

הֶיוֹת עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע דְרֵייוֶוערְס, נֵייעֶ תַּלְמִידִים, וָואס טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה. ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ צוּזַאמְקוּם פַאר זֵיי אוּן זֵיי פָארְלֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר דָא; אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.
~~~~~~~~~~~

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דִי וָואס דְרֵייוְון דִי 'דְשֶׁערְזִי סִיטִי וֶוען'; אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אוּנְטֶער דִי אַחֲרָיוּת פוּנֶעם מוֹסָד, עֶס אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ וְכוּ', פָּארְט אִיז עֶס אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ ווִיל אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי דְרֵייוֶוערְס ווִיכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין שׁוּם מִכְשׁוֹל פוּן אוּנְטֶער אוּנְזֶער הֶענְט.

...

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶע ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב אוֹיףְ דֶעם וָואס דוּ דְרֵייוְוסְט דִי קִינְדֶער צוּם חֵדֶר אוּן צוּם סְקוּל, אוּן דוּ טְרָאגְסְט זֵיי אַהֵיים יֶעדְן טָאג פוּן חֵדֶר אוּן פוּן סְקוּל; מִיט דֶעם הֶעלְפְסְטוּ מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס דַיין זְכוּת אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ נֶעמְסְט אַ חֵלֶק אוּן דִי תּוֹרָה וּתְפִילָּה פוּן דִי תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, אוֹיךְ אִיז עֶס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זְכִיָּה צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מְפַרְסֵם צוּ זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיינֶע עֵצוֹת וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַפָּאר נְקוּדוֹת אוֹיף וָואס דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט דִי קִינְדֶער אוּן וֶוען דִי טְרָאגְסְט זֵיי אַהֵיים:

א - בִּשְׁעַת דוּ טְרָאגְסְט דִי קִינְדֶער, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ צוּם חֵדֶר/סְקוּל אָדֶער אַהֵיים פוּן חֵדֶר/סְקוּל, זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט אָנְצִינְדְן קַיין סִידִי'ס פוּן לֵיצָנוּת. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט צְווִישְׁן חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר קִינְדֶער טֶעיפְּס פוּן לֵיצָנוּת, דָאס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ צוּ הֶערְן; בִּפְרָט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען הֵיילִיג אוּן רֵיין טָארְן דָאס נִישְׁט הֶערְן. דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ נִישְׁט עֶס זָאל וֶוערְן אָנְגֶעצִינְדְן נִישְׁט אִין חֵדֶר, נִישְׁט אִין סְקוּל אוּן נִישְׁט אוֹיפְן וֶועג צוּם חֵדֶר אוּן סְקוּל קַיין שׁוּם טֶעיפּ וָואס פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן יָמִים טוֹבִים גֶעפְלָאכְטְן מִיט לֵיצָנוּת, אֲפִילוּ וֶוען דוּ וָואס גֶעבְּן דָאס אַרוֹיס גֵייעֶן אִין שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן זֶעעֶן אוֹיס ווִי חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן - וַוייל דָאס אִיז אַ סַם פַאר וֶוער עֶס הֶערְט דָאס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָנְצוּצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווּאוּדֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ

עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז הַיינְט זֶענֶען דָא אַסַאךְ טֶעיפְּס פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי זֵיי זִינְגֶען חֲסִידִי'שֶׁע וַוארִימֶע נִיגוּנִים, דָאס מֶעגְסְטוּ אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ אִיז דָא הַיינְט אַסַאךְ מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס פוּן עֶרְלִיכֶע מַגִּידִים וִוי זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה אָדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן נַ"ךְ, אוּן פוּן חַזַ"ל - דָאס זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר רֵיין אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

ב - וֶוען דוּ טְרָאגְסְט דִי קִינְדֶער, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ צוּם חֵדֶר/סְקוּל, אָדֶער אַהֵיים פוּן חֵדֶר, זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פַאר אַ הִיטְשׁ; מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט וֶוען דוּ פָארְסְט לֵיידִיג וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ טוּן אַ חֶסֶד מִיט נָאךְ אַ אִיד, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ גֶעבְּן אַ הִיטְשׁ וְכוּ', אָבֶער בְּשָׁעַת דוּ טְרָאגְסְט דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער - תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען, יְהִי' מִי שֶׁיִּהְיֶ', אֲפִילוּ בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה - קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, נִישְׁט אִינֶעם בָּאס אוּן נִישְׁט אִינֶעם וֶוען.

לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן קִינְדֶער וְכוּ'; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן עֶנְדֶערְשׁ זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג אוּן זִיכֶער, וִוי אֵיידֶער מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם צוּרִיק הֶערְן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

ג - וֶוען דוּ גְרֵייסְט זִיךְ צוּ פָארְן זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג זָאל מֶען גֶעבְּן צְדָקָה, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט (סִימָן ג): "בְּשָׁעָה שֶׁבַּעֲלֵי עֲגָלָה מַטְרִיחִין אֶת עַצְמָן בַּעֲגָלָה וּבְסוּסִים, תִּתְפַּלֵּל תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ", בְּשָׁעַת דֶער בַּעַל עֲגָלָה (דֶער דְרַייוֶוער) גְרֵייט אָן דִי וָואגְן אוּן דִי פֶערְד זָאל מֶען זָאגְן תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ; מֶען דַארְף אֵייבִּיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶען פָארְט אַרוֹיס אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, בִּפְרָט אֵיינֶער וָואס טְרָאגְט קִינְדֶער - דַארְף אַסַאךְ מֶער מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם.

ד - פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּנֶעם בָּאס זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְקוּקְן דֶעם בָּאס צִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיפְן בָּאס; דָאס מוּז מֶען טוּן יֶעדֶעס מָאל מֶען גֵייט אַרָאפּ פוּנֶעם בָּאס. אוֹיבּ אַ דְרַייוֶוער דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם גֶעזֶעץ אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אִיבֶּער דֶעם בָּאס קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם צוּקוּמֶען צוּ רְצִיחָה מַמָּשׁ - ה' יְרַחֵם. מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פוֹיל, נָאר מֶען דַארְף דָאס טוּן מִיטְן פוּלְסְטְן אַחֲרָיוּת, אֲפִילוּ מֶען אִיז זִיכֶער אַז דִי בָּאס אִיז לֵיידִיג; וִויפִיל מַעֲשִׂיּוֹת הֶערְט מֶען נֶעבֶּעךְ וִוי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין אַ בָּאס וֶוען מֶען הָאט זֵיי פַארְגֶעסְן דָארְט.

ה - אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן בָּאס כְּאִילוּ עֶס אִיז דַיין אֵייגֶענֶע קַאר, אוּן נָאךְ מֶער וִוי דַיין אֵייגֶענֶע קַאר; יֶעדֶעס מָאל דוּ צִינְדְסְט אָן דֶעס בָּאס דַארְפְסְטוּ דָאס לָאזְן אַפָּאר מִינוּט זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען, וַוייל אוֹיב מֶען וַוארֶעמְט נִישְׁט אָן דֶעם בָּאס פַאר מֶען פָּארְט אַרוֹיס - בִּפְרַט ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט, אִיז מֶען גוֹרֵם אַז דֶער בָּאס זָאל וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶער מוֹסָד וֶועט דַארְפְן קוֹיפְן אַ נֵייעֶם בָּאס. אִיךְ וֶועל טַאקֶע קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶועלְכֶער דְרֵייוֶוער הָאט מִיר שָׁאדְן גֶעמַאכְט, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אַלֶעס אוּן עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ בַּא׳גַנְבְ׳נֶען אַ מוֹסָד בִּכְלָל, אוּן בִּפְרַט אוּנְזֶער מוֹסָד, וָואס אַז דוּ מַאכְסְט שָׁאדְן מַאכְסְטוּ שָׁאדְן פַארְ׳ן הֵיילִיגְ׳ן רֶבִּי׳ן.

ו - וֶוען דוּ טְרָאגְסְט קִינְדֶער צוּם חֵדֶר אָדֶער אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן סְקוּל זָאלְסְטוּ דְרֵייוְון זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג, דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט רֵייצְן אוֹיפְן וֶועג מִיט אַ צְוֵוייטֶע קַאר, בִּפְרָט מִיט אַ גוֹי. מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנג, סְעִיף ב): "לֹא יִתְיַחֵד יִשְׂרָאֵל עִם עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים, מִפְּנֵי שֶׁהֵם חֲשׁוּדִים עַל שְׁפִיכוּת דָּמִים", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיחֵד זַיין מִיט אַ גוֹי וַוייל עֶר אִיז חָשׁוּד אוֹיף רְצִיחָה - דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט אַ גוֹי. פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק זוּמֶער אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶועזְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, אַ אִיד הָאט זִיךְ צֶעאַמְפֶּערְט מִיט אַ גוֹי וֶועגְן אַ נִישְׁטִיגֶע פַּארְקִינְג אוּן דֶער גוֹי הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן דֶערְשְׁטָאכְן דֶעם אִיד אִין הַארְצְן פוּן וָואס דֶער אִיד אִיז אַוֶועק אוֹיפְן פְּלַאץ ה׳ יְרַחֵם; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעיסְן מִיט אַ צְוֵוייטְן - נִישְׁט מִיט אַ אִיד, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט אַ גוֹי. בִּפְרַט וֶוען דוּ טְרָאגְסְט קִינְדֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג.

ז - אוֹיב עֶס מַאכְט זִיךְ אַז אַ קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן פַארְ׳ן מְנַהֵל ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר. אוּן אוֹיב עֶס אִיז אַ מֵיידְל זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ׳. דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן וְכוּ׳; אַ קְלוּגֶער דְרֵייוֶוער הַאלְט בַּיי זִיךְ אֵייבִּיג אַפָּאר צוּקֶערְלֶעךְ (קֶענְדִיס) אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְשַׁחֵד דִי קִינְדֶער. אוֹיב דִי קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אַרוּם אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל אוּן מִיט דִי מְנַהֶלֶת.

ח - אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זַיין צֵייטְלִיךְ אִין חֵדֶר; אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי דְרֵייוֶוערְס, אוֹיב אַ דְרֵייוֶוער פַארְשְׁלָאפְט אָדֶער עֶר אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט אִיז עֶס בִּיטוּל תּוֹרָה דְרַבִּים, וַוייל דֶער מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען בִּיז ווִילַאנְג אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין קְלַאס, אוּן דֶער גַאנְצֶער מוֹסָד וֶוערְט צֶעפָּארְן אוֹיב מֶען אִיז נִישְׁט צֵייטְלִיךְ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין צֵייטְלִיךְ אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וַוארְטְן

בַּיי קַיין אֵיין הוֹיז – אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין סֶעקוּנְדֶע, דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין אַחֲרָיוּת'דִיג צוּ וַוארְטְן אִין צַייט אוּן זֵיי דַארְפְן פַארְשְׁטֵיין אַז אַסָאךְ מָאל פַארְשְׁלֶעפְּט זִיךְ עֶס צוּלִיבּ טְרֶעפִיק וְכוּ', אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה צוּלִיבּ אֵיין קִינְד. אַסָאךְ מָאל קֶען מֶען טְרַאכְטְן: 'אוֹיבּ אִיךְ פָאר אַוֶועק, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת וְכוּ'', עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי, דוּ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיפְן מוֹסָד – אַז אַלֶעס זָאל גֵיין מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער זְמַן, אַזוֹי וֶועט מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע קִינְדֶער.

ט – וֶוען דוּ דְרֵייוְוסְט אוּנְזֶער בָּאס – נִישְׁט קַיין חִילוּק מִיט קִינְדֶער אָדֶער אָן קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז טוֹיזְנְט אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּאס, יֶעדֶער זוּכְט צוּ זֶען עֶפֶּעס ... אוֹיף בְּרֶסְלֶב; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מַאכְן אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם אוּן הֵיילִיגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אִים; ווייל עֶר טְרָאגְט דֶעם נָאמֶען פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס וַוארְפְן קַיין שְׁמוּץ פָארֶענְדִיג מִיטְן בָּאס; בִּכְלָל אִיז עֶס נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ זֶען וִוי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף, זֵיי וַוארְפְן אַרוֹיס זַאכְן פוּן דִי קַאר וְכוּ', אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיטְן עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף א): "שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד (תְּהִלִּים טז, ח) הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלוֹת הַצַּדִּיקִים הַהוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹקִים, כִּי אֵין יְשִׁיבַת הָאָדָם וּתְנוּעָתוֹ וַעֲסָקָיו וְהוּא לְבַדּוֹ בְּבֵיתוֹ, כְּמוֹ יְשִׁיבָתוֹ וּתְנוּעָתוֹ וַעֲסָקָיו כַּאֲשֶׁר הוּא לִפְנֵי מֶלֶךְ גָּדוֹל, וְכֵן אֵין דִּבּוּרוֹ וְהַרְחָבַת פִּיו בִּהְיוֹתוֹ עִם אַנְשֵׁי בֵיתוֹ וּקְרוֹבָיו, כְּמוֹ בִּהְיוֹתוֹ בְּמוֹשַׁב הַמֶּלֶךְ, כִּי אָז מַשְׁגִּיחַ בְּוַדַּאי עַל כָּל תְּנוּעוֹתָיו וְדִבּוּרָיו, שֶׁיִּהְיוּ מְתֻקָּנִים כָּרָאוּי. כָּל שֶׁכֵּן כַּאֲשֶׁר יָשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ, כִּי הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עוֹמֵד עָלָיו וְרוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם יְיָ; הֲלֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא (יִרְמְיָהוּ כג, כד), בְּוַדַּאי מִיָּד תַּגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה וְהַהַכְנָעָה מִפַּחַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיֵבוֹשׁ מִמֶּנּוּ"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר זֶעט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ', דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט הַכְנָעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אַנְשֵׁי דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב; זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, קוּק צוּרִיק וִוי דִי אַלֶע בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע הָאבְּן שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן - קַיין עַיִן הָרָע, אִין זְכוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם מוֹסָד.

...

~~~~~~~~~~

**אִין זְכוּת פוּן צְנִיעוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרַיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ לֵיינֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אוּן דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט צוּ טוּן מִיט וְכוּ', אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן עֶרְלִיךְ וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים וָואס דִי גַאנְצֶע נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וָואס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּרְגוּם אֶסְתֵּר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲוֵי קָרֵין לָהּ", מֶען הָאט גֶערוּפְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיטְ'ן נָאמֶען 'אֶסְתֵּר', "עַל דִי הֲוַת צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְמָרְדְּכַי שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין, וְלָא חֲזָת אַפֵּי גְבַר אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְּכַי", וַוייל אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אִין מָרְדְּכַי הַצַּדִיק'ס הוֹיז; פַאר פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן, זִי הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף מָרְדְּכַי הַצַּדִיק - דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זִי הָאט גֶערַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דִי זְכוּת וָואס דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין צְנִיעוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

זֶע צוּ גֵיין מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע קְנֶעפְּל.

...

~~~~~~~~~~

**לֶערְן אוֹיס דִי מֵיידְלֶעךְ צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ טֵייעֶרֶער חָתָן אַ תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה; אַ חָתָן וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן גוּטֶע זַאכְן. בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען דִי 31'סְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִילִים; קוּק צוּ וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים - צוּ טְרֶעפְן אַזַא שִׁידוּךְ. יֶעצְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן תְּהִילִים, זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִילִים' - אַזוֹי וֶועסְטוּ מְסַיֵּם זַיין יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִילִים אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

לֵייג אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת; דֶערְצֵייל זֵיי דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת אוּן זָאג זֵיי דִי שְׂכַר פוּן צְנִיעוּת. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן אוֹיף אַ וֶועג אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּקְן צְנִיעוּת וִוי אַ 'אַלְט מָאדִישֶׁע זַאךְ', וִוי אַ 'יָאנְטְשִׁי זַאךְ'.

שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען פִירְט זִיךְ בַּאשֵׁיידְן, מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת דוּרְךְ זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (מְגִילָּה יג:): "בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל, זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה שָׁאוּל", רָחֵל אִמֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען פוּן אִיר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ וויבַּאלְד זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת, "וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל, זָכָה וְיָצְאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר", אוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּצְנִיעוּת אַז פוּן אִים אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע גְזֵירָה וָואס הָמָן הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְפִירְן אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי אוּמְבְּרֶענְגֶען חַס וְשָׁלוֹם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת; אוֹיבּ אַ מֵיידְל פִירְט זִיךְ אֵיידְל קֶען זִי רַאטֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת. זָאג פַאר אַלֶע מֵיידְלֶעךְ אַז יֶעדֶער זָאל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'אֶפְשֶׁר בִּין אִיךְ דִי אִידִישֶׁע טָאכְטֶער וָואס אִין מַיין זְכוּת וָואס אִיךְ גֵיי צְנִיעוּת'דִיג וֶועל אִיךְ רַאטֶעוֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל'?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דִיר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דוּ גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וַוארְט וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

אִיךְ וַוארְט אוֹיךְ צוּ הֶערְן נָאךְ גוּטֶע נֵייעֶס; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר צִי דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ אוּן וֶועלְכֶע שִׁיעוּרִים דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג. אִיךְ גֶעדֶענְק דַיין הַתְמָדָה אַלְץ בָּחוּר, וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט גָאר פְלַייסִיג. דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען מִשְׁנַיוֹת צֶענְדְלִיגֶער מָאל; וַויל אִיךְ הֶערְן גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע אִיז דָאס לֶעבְּן גְרִינְגֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אָדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַנְדֶערֶע.

גֶעדֶענְק דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם תַּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וָתָם): "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז דַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף אִיךְ שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע?" אַז דוּ וֶועסְט דָאס שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.

כַאפּ אַרַיין אַבִּיסְל גוּטְס; נֶעם שׁוֹין אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן כַאפּ אַרַיין אַפָּאר פְּרָקִים; דָאס וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר. גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִילָה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען".

אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין בַּאזוּכְן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר לִרְפוּאָה שְׁלֵימָה וֶועלְכֶער לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן גְרוֹיסֶע זְכוּתִים, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועסְטוּ אוֹיפְהֶערְן קְרֶעכְצְן אוּן אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן גֶעבְּן פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ.**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן כְּסֵדֶר גֶעבְּן פְרִישֶׁע עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת הַנִּצְרָכִים בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה מִיט אַזַא נְדִיבַת לֵב אוּן בְּרֵייטֶע הַאנְט.

מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער קְהִילָה מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, פַאר זֵיי טֵיילְט מֶען אוֹיס יֶעדֶע וָואךְ פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ אוּן אַלֶעס אַרוּם וְכוּ' וְכוּ' פוּן וָואס דוּ גִיבְּסְט מִיט אַזַא בְּרֵייטֶע הַארְץ.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): "אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת"; דָאס הֵייסְט, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִיז שַׁיָּיךְ אָפְּצוּנַארְן מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען דַארְף גֶעלְט וְכוּ', אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶסְן, וָואס וֶוען אֵיינֶער זָאגְט: "אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג", קֶען עֶר דִיר נִישְׁט אָפְּנַארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן גֶעזוּנְט.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט הַנָאָה פוּן דִי פְּרוֹּיעֶן צוּזַאמְקוּם, דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן אַייךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן אִיר זֶענְט יֶעצְט מֶער רוּאִיג צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יוֹם טוֹב מִיט פְּרֵיילִיכְקֵייט.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אִיר וַוארְט לְמַזָל טוֹב וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר פַארְלִירְט דֶעם בַּאלַאנְס; אִיר דַארְפְט זֶען גוּט צוּ שְׁלָאפְן, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאפְט גוּט אוּן מֶען עֶסְט צוּ דֶער זֶעט וֶוערְט מֶען נִישְׁט דִיזִי. אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן דֶעם וָואס אִיר פַארְלִירְט אֵייעֶר בַּאלַאנְס וְכוּ' דָאס קוּמְט וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּהט.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אוֹיבּ אִיר קֶענְט זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן אִינְמִיטְן טָאג וֶוען אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וֶועט אֵייעֶר קָאפּ אוּן מֹחַ וֶוערְן אוֹיסְגֶערוּהט אוּן אִיר וֶועט נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי עֶס שְׁווִינְדְלְט אַייךְ דֶעם קָאפּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): "וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לֶאֱמוּנָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה; דָאס זֶעט מֶען בְּחוּשׁ וִוי אִינְדֶערְפְרִי אִיז שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב, אוֹת ה): "נָפְקַת בְּצַפְרָא", אִינְדֶערְפְרִי בַּאוַוייזְט זִיךְ דִי אֱמוּנָה, "וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא", אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דַיינֶע זַאכְן, וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ דִי אֱמוּנָה פַארְדֶעקְט אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ, אִיר וֶועט עֶסְן צוּ דֶער זֶעט אוּן גוּט שְׁלָאפְן, וֶועט אֵייעֶר מֹחַ מֶער נִישְׁט שְׁווִינְדְלֶען.

אַז מֶען שְׁלָאפְט גֶענוּג אוּן מֶען עֶסְט צוּ דֶער זֶעט אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁוַואךְ דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן בַּיים דָאקְטֶער; אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג אוּן מֶען שְׁלָאפְט וֵויינִיג אִיז נָארְמַאל מֶען זָאל שְׁפִּירְן אוּמְבַּאלַאנְצִירְט.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין טָאכְטֶער.**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'ע מְנַהֶלֶת אוּן טִיטְשֶׁער מָרַת ... תִּחְיֶ'.**
~~~~~~~~~~

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא מִשְׁלוֹח מָנוֹת פַארְ'ן זִיךְ אַזוֹי גֶעטְרֵייִ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער טָאכְטֶער ... תְּחְיֶ'; פַארְ'ן אַרַיין לֵייגְן אִין אִיר אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת – מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, מַמָּשׁ וִוי צוּ אַן אֵייגְן קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְּן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת בַּיי אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַייךְ גֶעבְּן סִייַעְתָּא דִשְׁמַיָא, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן גֶעבְּן חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת.**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת הַנִּצְרָכִים בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה מִיט אַזַא נְדִיבַת לֵב אוּן בְּרֵייטֶע הַאנְט.

מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער קְהִילָה מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, פַאר זֵיי טֵיילְט מֶען אוֹיס יֶעדֶע וָואךְ חַלוֹת אוּן מְזוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' פוּן וָואס דוּ גֶעבְּסְט פוּן דַיין בֶּעקֶערַיי.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): "אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת"; דָאס הֵייסְט, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִיז שַׁיָיךְ אָפְּצוּנַארְן מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ מַאכְן וִוי מֶען דַארְף גֶעלְט וְכוּ', אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶסְן, וָואס וֶוען אֵיינֶער זָאגְט: "אִיךְ בִּין הוּנְגֶעריג", קֶען עֶר דִיר נִישְׁט אָפְּנַארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו גֶעשְׁרִיבְּן אִין גְרַאמֶען.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר בֶּעסֶער גֶעוָוארְן זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין ׳בֵּית פֵּיגֶא׳ - וואוּ מֶען לֶערְנְט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר אוֹיף דִי מִדָה פוּן שִׂמְחָה; דַיינֶע תְּפִילוֹת זָאלְן זַיין בְּעִיקָר אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ. וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מְמֵילָא אַלְסְדִינְג אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, וָואס עֶר וֶועט נָאר הָאבְּן וֶועט עֶר זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא״ש שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ קוּקְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת נח.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק - דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא בֶּן זוֹמָא וָואס וֶוען עֶר פְלֶעגְט עֶסְן בְּרוֹיט פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְ׳ן בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן מִיר אָנְגְרֵייטְן בְּרוֹיט״; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״אָדָם הָרִאשׁוֹן, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶסְן בְּרוֹיט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אִין דִי הַאנְט; עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אַקֶערְן, זֵייעֶן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעוַוארְט עֶס זָאל אַרוֹיסְוַואקְסְן וֵוייץ אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעדַארְפְט אַלֵיינְס אָפְּשְׁנַיידְן, עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן בִּינְטְלֶעךְ פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי בִּינְטְלֶעךְ תְּבוּאָה אוּן דָאס גֶעדְרֶעשְׁט אוּן גֶעוִוינְט-שָׁאוֶועלְט, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען דִי וֵוייץ קֶערְלֶעךְ הָאט עֶר עֶס גֶעדַארְפְט צֶעמָאלְן אוּן זוּפְּן, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען מֶעל פַאר דִי אוֹיגְן, נָאךְ אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט, הָאט עֶר עֶס גֶעדַארְפְט קְנֶעטְן אוּן וֶועלְגֶערְן אוּן אָפְּבַּאקֶען - אַזוֹיפִיל מְלָאכוֹת הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעדַארְפְט טוּן בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט, אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ טְרֶעף פֶערְטִיגֶע פֵיינֶע בְּרוֹיט! יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַזַא גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן נָאר פַאר מִיר״.

אַזוֹי אוֹיךְ פַארְצֵיילְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל (בְּרָכוֹת, שָׁם) וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא בֶּן זוֹמָא פְלֶעגְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״קוּק וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ מִיר, עֶר גֶעבְּט מִיר קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן; וִויפִיל הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְלֵייד... עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַ שֶׁעפֶעלֶע אוּן אָפְּשְׁנַיידְן פוּן אִיר אַבִּיסְל וָואל, דָאס אוֹיסְוַואשְׁן,

אוֹיסְקֶעמֶען, מַאכְן דֶערְפוּן פֶעדֶעמֶער אוּן אוֹיפְנֵייעֶן אַ קְלֵייד, אוּן אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערפְרִי אוּן אִיךְ טְרֶעף פֶערְטִיגֶע קְלֵיידֶער, יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן!" עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי לֶעבְּן מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּלִיק; וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת אוּן גֶעזֶען פִיל אִידְן דָארְט, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע זָאלְן מִיר בַּאדִינֶען"; עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ גוּט אוֹיג.

דֶערִיבֶּער זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נז:): "הָרוֹאֶה בֶּן זוֹמָא בַּחֲלוֹם יְצַפֶּה לְחָכְמָה", וֶוער עֶס חָלוֹמְ'ט זִיךְ בַּיינַאכְט פוּן בֶּן זוֹמָא אִיז אַ גוּטֶע סִימָן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען חָכְמָה; וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה - צוּ קוּקְן גוּט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶר טוּט נָאר וָואס אִיז גוּט.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ קוּקְן אוֹיפְ'ן לֶעבְּן מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג; יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף. אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען זָאלְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; דוּ טוּסְט מִיר חֶסֶד אָן אַ צָאל. וִויפִיל אִיךְ זָאל דִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען דִיר צוּ לוֹיבְּן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ, עֶר בְּרֶענְגְט שְׁטֶענְדִיג אַרַיין אִין מִיר עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, עֶר מַאכְט מִיר מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, עֶר מַאכְט מִיר נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן; בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן קֶענֶען לֵייגְן מַיין מֹחַ צוּ טְרַאכְטְן נָאר פַּאזֶעטִיוו. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוער בְּלִיק, אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן מוֹהֲרָא"ש מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין זוּן.**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ פַאר'ן זִיךְ אַזוֹי גֶעטְרֵיי אָפְּגֶעבְּן בִּכְלָלִיּוֹת מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וּבִפְרָטִיּוֹת מִיט מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; פַאר'ן אַרַיין לֵייגְן אִין אִים אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען - מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, מַמָּשׁ וִוי צוּ אַן אֵייגְן קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דִיר גֶעבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען קְרוּאִים בָּנִים.

...

~~~~~~~~~~

**לֶעבְּן מִיט שֵׂכֶל.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת צַו, י"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

נוּץ נִישְׁט מַיינֶע דְרָשׁוֹת צוּ שְׁטֶעכְן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. דוּ מֶעגְסְט קוֹיפְן אַ מַתָּנָה פַאר דַיין וַוייבּ לִכְבוֹד יוֹם טוֹב. זָאג אִיר נִישְׁט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט קוֹיפְן קַיין מַתָּנוֹת. עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט 'אוּנְטֶער קוֹיפְן' אַ פְּרוּי נָאר מִיט מַתָּנוֹת. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען קוֹיפְט טֵייעֶרֶע צוּרִינְגֶען בִּשְׁעַת פִּירְט מֶען זִיךְ אוֹיף וִוי אַ חַיָּ' וֶועט עֶס נִישְׁט הֶעלְפְן - דָאס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָבֶער נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין מַתָּנוֹת; פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף קוֹיפְן מִזְמַן לִזְמַן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דִי וַוייבּ - בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן שֵׂכֶל: **"'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער וָואס גֶעבְּט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת' גֶעבּ מִיר אַבִּיסְל שֵׂכֶל אִיךְ זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "גְּדוֹלָה דֵּעָה שֶׁנִּתְּנָה בִּתְחִלַּת בְּרָכָה שֶׁל חוֹל", מֶען הֵייבְּט אָן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט דִי בְּרָכָה פוּן שֵׂכֶל, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר; אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל קֶען מֶען לֶעבְּן.
~~~~~~~~~~

מָארְגְן אִיז אַ 'יוֹם תַּעֲנִית'; אַלֶע דַארְפְן מִיר פַאסְטְן, תְּשׁוּבָה טוּן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן גָלוּת.

פְּרוּיעֶן פַאסְטְן נִישְׁט.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~

**אוֹיסְנוּצְן רִיכְטִיג דֶעם טָאג פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י"ג אָדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט פַאסְטְן מִיר אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג; דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אִיז מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (סֵפֶר יְסוֹד יוֹסֵף, פֶּרֶק א) אַז וֶוער עֶס דַארְף אַ יְשׁוּעָה זָאל זָאגְן קַאפִּיטְל כ"ב פוּן סֵפֶר תְּהִילִּים, דֶערְנָאךְ זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִין זְכוּת פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זָאל עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער קְרִיגְן אַ יְשׁוּעָה.

מֶען טוּט זִיךְ אָן בְּגְדֵי שַׁבָּת פַאר מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִנְחָה-מַעֲרִיב; פַאר מִנְחָה פִירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען גֶעבְּט דְרֵיי הַאלְבֶּע דָאלְלֶער'ס פַאר יֶעדְן קָאפְּצָאל – פַאר זִיךְ, פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. זֶע צוּ גֶעבְּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל אִין רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶועט דָאס זַיין חָשׁוּב אַזוֹי וִוי דוּ גֶעבְּסְט דָאס אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעבּוֹיט; וֶוער בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז שֵׂכֶל מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ גֶעבְּן דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל דַּיְקָא בַּיים רֶבִּינְ'ס שׁוּל. נִישְׁט נָאר דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל נָאר אַלֶע דַיינֶע צְדָקוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס פְּלַאץ.

בְּשָׁעַת דוּ גֶעבְּסְט דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אִידְן, מִיר זָאלְן שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס מִיר גֶעבְּן אִיז מְסוּגָל צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי דֶער
~~~~~~~~~~

רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע"; בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ גֶעבּ דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אַז אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי דִי רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחֲשָׁבָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר הַאלְבּ, אוּן אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ נָאךְ אַ אִיד, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר מַחֲלוֹקֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת וָואס קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן דִי מִצְווֹת וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים. בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

נָאךְ מַעֲרִיב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה; בִּשְׁעַת׳ן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט. עֶס אִיז מְסוּגָל צוּ פוֹעֶלְ׳ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת - אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, יֶעדְנְ׳ס הַארְץ אִיז פַארְוֵוייטָאגְט, וֶוער דַארְף נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה? אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן רְפוּאוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, נַחַת, וְכוּ׳ - אַלֶע קוּקְן מִיר אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

מֶען קְלַאפְּט בַּיי הָמָן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן פַּיינְט הָאבְּן דֶעם הָמָן הָרָשָׁע, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שׁוּל; מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוּנְטְן פוּן זַיין שִׁיךְ דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער ׳הָמָן׳ ׳ס"מ׳ אוּן קְלַאפְּן בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט הָמָן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אִין יְשִׁיבָה וואוּ מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, לְהוֹדִיעַ, שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבשׁוּ, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ", אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס מוּטִיגְט אוּנְז מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאפְן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דִי אַלֶע וָואס דֶערְהַאלְטְן זִיךְ וֶועלְן בַּיים סוֹף זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט מוֹצָאֵי שַׁבָּת פָּארְקוּמֶען אַ סְעוּדָה לִכְבוֹד שׁוּשַׁן פּוּרִים מִיט אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וֶועלְן אוֹיסְשְׁפִּילְן דֶערְבַּיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַסַאךְ

כּוֹחוֹת לֵייגְן מִיר אַרַיין אִין דֶעם נָאר פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְן רֶבִּי'ן; גֶעבּ אַ קוּק וָואס אִיז גֶעשֶׁען אִין דִי פָּאר יָאר זַייט מִיר הָאבְּן מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט; עֶס וַואקְסְט אוֹיף אַ נַייעֶ פְרִישֶׁע דוֹר וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם דְרֵיידְלֶעךְ, אַ דוֹר וָואס לֶעבְּט מִיטְן רֶבִּי'ן; אַלֶע קִינְדֶער - יוּנְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים, אַלֶע זֶענֶען עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

~~~~~~~~~~~

**מַזָל טוֹב פַארְ'ן עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת מְגִילָה לְכָבוֹד פּוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט; דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן לְכָבוֹד פּוּרִים 'מַסֶכְתָּא מְגִילָה'. אַזוֹי וִוי מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לְכָבוֹד יוֹם טוֹב דִי מַסֶכְתָּא פוּנֶעם יוֹם טוֹב; פַאר פּוּרִים - מַסֶכְתָּא מְגִילָה, לְכָבוֹד פֶּסַח - מַסֶכְתָּא פְּסָחִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט דָאס רוּפְן דִי 'בָּאנוּס שִׁיעוּר'; דָאס הֵייסְט, אַז חוּץ פוּן דִי שִׁיעוּרִים הַקְבוּעִים וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זָאל מֶען לְכָבוֹד יוֹם טוֹב צוּ לֵייגְן אַ בָּאנוּס; אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵיי זֶענֶען מִשְׁתַּדֵל צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵים זַיין יֶעדֶע יוֹם טוֹב דִי מַסֶכְתָּא פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

שְׁטַארְק זִיךְ - טֵייעֶרֶער ... - וַוייטֶער בְּלִימוּד הַתּוֹרָה; דוּ גֶעבְּסְט מִיר צוּ כֹּחַ צוּ מַיין לֶעבְּן, אוֹיךְ מַאמִי תִּחְיֶ' שֶׁעפְּט פוּן דִיר נַחַת. מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה אוּן דוּ דִינְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס אִין דִי מוֹסָד.

...

~~~~~~~~~~

**אַז מְ'בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס גוּטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י"ג אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶע וָואךְ דִי קוּנְטְרֵס פוּן דִי אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁטֶע בְּרִיוְון אוֹיף עֶנְגְלִישׁ וָואס אִיר זֶענְט מְתַרְגֵם; אַלֶע זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע אַרְבֶּעט. דִי מֵפִיצִים זָאגְן מִיר אַז מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען דָאס אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' דֶערְמִיט.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייֶען עֶרֶב פּוּרִים - אַ צַייט וָואס אִידְן הָאבְּן נָאךְ אַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת פח.), אִיז יֶעצְט אַ צַייט וָואס עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. ווִיל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט וַוייטֶער טוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען - אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אַז נָאךְ אִידְן זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ טוּן וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען אַ הִתְעוֹרְרוּת צוּ זַיין גוּט; מֶען מֵיינְט אַז מֶען דַארְף טוּן עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים, מֶען דַארְף פַאסְטְן אוּן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן ווִיבַּאלְד מֶענְטְשְׁן זֶענֶען וַוייט פוּן דִי זַאכְן, אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַן הִתְעוֹרְרוּת שְׁטוּפְּט מֶען דָאס אַוֶועק אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט וָואס מֶען טוּט - אָן תְּשׁוּבָה טוּן, אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת וָואס מִיר זָאלְן טוּן וֶוען מִיר ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן אַרוֹיס זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"; דִי אֵיינֶע קְלֵיינֶע וָוארְט וֶועט שׁוֹין שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶעס גוּטְס.

ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער אִיבֶּער טַייטְשְׁן דִי בְּרִיוְון אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן ווִיסְן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע וֶועג פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ וֵוייס אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין צֶענְדְלִיגֶער שָׁעוֹת אוּן דָאס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן אֵייעֶר שְׁטוּב אוּן פוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאלְט אִיר אָבֶּער ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אַ בְּרָכָה פַאר דִי וָואס טוּעֶן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען זֶעט נַחַת בַּיי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י״ג אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ פַאר׳ן מִיר הֶעלְפְּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי מוֹסָד, אִיךְ זָאל הָאבְּן דִי כּוֹחוֹת מְחַזֵק צוּ זַיין דִי בָּחוּרִים מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט ווָאוּסְנְדִיג אַז דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַרוֹיס מִיט אַלְסְדִינְג.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן הֶעלְפְּן מִיט דִי כּוֹלֵל.**

**וּמִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, י״ג אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ פַארְ׳ן זִיךְ אַזוֹי גֶעטְרֵיי אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער כּוֹלֵל; פַארְ׳ן הֶעלְפְּן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט אַ גַאנְץ יָאר פַארְ׳ן כּוֹלֵל.

דֶער כּוֹלֵל אִיז בַּיי מִיר מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַארְ׳ן מִיר גֶעבְּן דִי זְכִיָה צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע יוּנְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען מִיט אַזַא הַתְמָדָה רַבָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ הֶעלְפְּן דִי כּוֹלֵל יוּנְגֶעלַייט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**פּוּרִים אִיז אַ צַייט זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, פּוּרִים, י"ד אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; הַיינְט אִיז אַ צַייט צוּ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): "כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּים", זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים; וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

זָאלְסְטוּ יֶעצְט פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פוּנְדָאסְנַיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**"; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אַבִּיסְל אַוֶועק פוּן דַיין שְׁטוּבּ אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת וִוילְסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן בֶּעט אִים רַחְמָנוּת אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג יוֹם הַפּוּרִים וֶוען עֶס אִיז (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ", וָואס צַדִּיקִים זָאגְן אוֹיף דֶעם אַז וֶוער עֶס בֶּעט אוּן וָואס מֶען בֶּעט הַיינְט - בַּאקוּמְט מֶען.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער ..., דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל; אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף אַ אִיד אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, אַ אִיד אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אָבֶּער יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט פַאר בְּרִיווּ, יֶעצְט דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת הַיּוֹם; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט קְרִיאַת הַמְּגִילָּה וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶס לוֹינְט זִיךְ אַ אִיד זָאל זַיין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַבִּי עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אֵיין מָאל צוּ הֶערְן קְרִיאַת הַמְּגִילָּה".

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; מִיר זֶענֶען אַלֶע אֶבְיוֹנִים - זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן בַּיי וֶועם מֶען קֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן צְדָקָה.

שְׁטַארְק דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר חָשׁוּב וִוי אַן אֵייגְן קִינְד.

וְואוּנְטְשְׁט דִיר דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ שִׂמְחַת פּוּרִים.

...

~~~~~~~~~~

**וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פּוּרִים אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן פּוּרִים: קְרִיאַת הַמְּגִילָה, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדַת פּוּרִים; מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינקֶען וַויין אוּן גֶעבְּרָאכְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן מְתַקֵן זַיין אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז טְרִינְקֶען וַויין פּוּרִים אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיב מֶען בְּרֶעכְט נָאכְדֶעם אִיז דָאס מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כ, טו): "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ" - דֶער ס"מ דַארְף אוֹיסְבְּרֶעכְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן מִיט נֶעמֶען פוּן פּוּרִים אִיז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", מֶען דַארְף צוּ קוּמֶען צוּ וִויסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; אַז עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר אָרוּר הָמָן דַארְף אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר בָּרוּךְ מָרְדְּכַי. דָאס אִיז דֶער חִיוּב פוּן טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים, מֶען זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז לְטוֹבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד'): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

נִישְׁט אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין; מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן אִים לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:): "חַיָּיב אָדָם לְבָרֵךְ עַל הָרָעָה כְּשֵׁם שֶׁמְּבָרֵךְ עַל הַטּוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טַאנְצְט אוּן פַּאטְשְׁ, עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן
~~~~~~~~~~

זִיךְ אוּן פוּן אַלֶע אִידְן אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אִין טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז פּוּרִים הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ פַּאטְשְׁן אַסַאךְ, הָאט מֶען זִיכֶער אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה, אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וֶועלְן פָארְשְׁטֶעלְן; זֶע צוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר אוֹיךְ אַ בְּרִיווּ פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת צַו, שׁוּשַׁן פּוּרִים, ט"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

וֶוען פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואסֶערֶע כּוֹחוֹת זֵיי הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת, בִּפְרָט וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט; וָואס זֵיי קֶענֶען דֶעמָאלְט פוֹעֵל'ן, אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען אָפֶען פַאר זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת, אַלֶע מַלְאָכִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן ווִי זֵיי צִינְדְן אָן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לִיכְט - וָואלְטְן זֵיי אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. אוֹיף גֶעזוּנְט, אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיף נַחַת; אַ שָׁאד אַז פְּרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט ווִי חָשׁוּב זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען, אוּן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן זֵייעֶר צַייט.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ..., אַז אִיר דַארְפְט אַ יְשׁוּעָה זָאלְט אִיר צִינְדְן לִיכְט אַפָּאר מִינוּט פַארְן זְמַן אוּן אִיר זָאלְט זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט אוּן בֶּעטְן אֵייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת אוּן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אַייךְ אוּן אֵייעֶר מִשְׁפָּחָה.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן אִיר זָאלְט זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, וַוייל אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זַיין פְרֵיילִיךְ. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע - וֶוען דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, זֶעט מֶען עֶס גְלַייךְ אָן אוֹיף דִי
~~~~~~~~~~~

קִינְדֶער. אַ מַאמֶע הָאט אוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אוּן אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִיר. זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט פָארְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַ מְלַוָה מַלְכָּה לְכָבוֹד שׁוּשָׁן פּוּרִים מִיט אַ שֵׁיינֶע פָארְשְׁטֶעלוּנְג; דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט זַיין צוּגֶעגְרֵייט פַאר פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# ~~~שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת~~~

### מֶעג מֶען זיך עַקְשְׁנְ'ן מִיט תְּפִילָה, אָדֶער נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַסאַךְ אַז מְ'דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר פִיל, מְ'דַארְף אִים בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מְ'טָאר זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'ן. ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעטְן דִי צְווֵיי זַאכְן אִינְאֵיינֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ - שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאךְ גֶעבְּן אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", אַז קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵילָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ' - הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִלָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע גֶעבְרוֹיכְן, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִלַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְיָיאוּשׁ וֶוען מֶען זֶעט ווִי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט וָואס מֶען בֶּעט; מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיסְצוּוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן שִׁיקְן דִי יְשׁוּעָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר מֶען נִישְׁט דוֹחֵק זַיין דִי שָׁעָה אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ וִויל וְכוּ' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז טוּן וָואס אִיךְ וִויל וְכוּ' וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ וּמְעַיֵּין בָּהּ סוֹף בָּא לִידֵי כְּאֵב לֵב", וֶוער עֶס זָאגְט: 'אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ זֶע נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה?' דֶער בַּאקוּמְט הַארְץ וֵוייטָאג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת מְמוּשָּׁכָה מַחֲלָה לֵב", אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "וּמְעַיֵּין בָּהּ"): "מְצַפֶּה שֶׁתֵּעָשֶׂה בַּקָּשָׁתוֹ עַל יְדֵי הַאֲרָכָתוֹ, סוֹף שֶׁאֵינָהּ נַעֲשֵׂית, וְנִמְצֵאת תּוֹחֶלֶת מְמֻשֶּׁכֶת חִינָּם, וְהִיא כְּאֵב לֵב כְּשֶׁאָדָם מְצַפֶּה וְאֵין תַּאֲוָתוֹ בָּאָה"; עַיֵּין שָׁם.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, פוּן אֵיין זַייט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'בִּין אִיךְ אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בֶּעט אִיךְ אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר! אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה; אִיךְ וֵוייס עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד זָאלְסְט מִיר אוֹיסְהֶערְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר אַ מַתְּנַת חִינָּם אוּן נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ שַׁאדְט דֶען נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו [זֶע דִי בְּרִיוו צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן לֶעצְטְנְס צוּ אַ פְרוֹי וָואס הָאט מוֹרָא אַז עֶס שַׁאדְט אִיר דִי קְפֵידָה פוּן אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר אִיר, אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעוָוארְן. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיר אַז זִי דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אִיר צֶעבְּרֶעכְן.
~~~~~~~~~~

הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין אַז ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵין בְּאִגְרוֹת קוֹדֶשׁ, כֶּרֶךְ י"ד עַמוּד שמ אוּן עַמוּד סט. אוּן אִין כֶּרֶךְ י"ג עַמוּד ח') אַז אַסאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מְ'הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אוּן נָאךְ, קֶענֶען קוּמֶען פוּן אַ קְפֵידָה פוּן אֵיינֶעם, אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַ שִׁידוּךְ, אָדֶער אַז מְ'הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן מְ'הָאט נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן וְכַדוֹמֶה, אוּן מְ'הָאט יֶענֶעם נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. אוּן ס'אִיז בַּאקַאנְט אַסאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיפְגֶערָאכְטְן גֶעוָוארְן וֶוען זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן יֶענֶעם וֶועמֶען מְ'הָאט מְצַעֵר גֶעוֶוען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ וְכוּ'; דָא רֶעדְט מֶען פוּן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מא.): "אָסוּר לְאָדָם שֶׁיְקַדֵּשׁ אֶת הָאִשָּׁה עַד שֶׁיִּרְאֶנָּה", מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אוּן מֶען זֶעט צִי דָאס אִיז פַּאסִיג, "שֶׁמָּא יִרְאֶה בָהּ דָּבָר מְגוּנָה וְתִתְגַּנֶּה עָלָיו", וַוייל אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן וֶועט מֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יח): "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"; מִמֵּילָא אַז מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוֹיף צוּ זֶען צִי מֶען ווִיל מַאכְן אַ שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט דָא קַיין מָקוֹם וָואס חוֹשֵׁשׁ צוּ זַיין אוֹיף יֶענֶעמְ'ס הַקְפָּדָה.

דָאס וָואס דוּ צֵייכְנְסְט צוּ אַז מֶען דַארְף אִיבֶּער בֶּעטְן וְכוּ' דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט דֶעם שִׁידוּךְ; אַז מֶען הָאט שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן צוּ מַאכְן דִי שִׁידוּךְ אוּן מֶען צֶעטֵיילְט זִיךְ אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן קֶען עֶס רַחְמָנָא לִצְלָן שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי גְמָרָא (תַּעֲנִית ח.; עַיֵין רַשִׁ"י דִבּוּר הַמַּתְחִיל "מְחוּלְדָּה וּבוֹר", וְתוֹסְפוֹת דִבּוּר הַמַּתְחִיל "בְּחוּלְדָּה וּבוֹר") אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אַ בָּחוּר אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן וֶועסְטוּ מִיט מִיר חֲתוּנָה הָאבְּן?" הָאט דִי מֵיידְל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען פַאר עֵדוּת דִי גְרוּבּ אוּן אַ קַאץ וָואס אִיז בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה דָארְט אַרִיבֶּער. דֶער בָּחוּר הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן גְרוּבּ אוּן עֶר אִיז אַהֵיים צוּ זַיין שְׁטוּבּ אוּן זִי אִיז אוֹיךְ אַהֵיים צוּ אִיר שְׁטוּבּ. דִי מֵיידְל הָאט גֶעוַוארְט פַאר דֶעם בָּחוּר אַז עֶר זָאל מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶּער דֶער בָּחוּר הָאט גֶענוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד. אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ קַאץ אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קְלֵיין קִינְד אוּן דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ קִינְד אוּן דִי קִינְד אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ

גְרוֹב אוּן אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעפְרֶעגְט: "מַה זֶּה הַמַּעֲשֶׂה שֶׁהִגִּיעַ לָנוּ שֶׁלֹּא כִּשְׁאָר בְּנֵי אָדָם?" וָואס אִיז דָאס אַז עֶס פַּאסִירְט צוּ אוּנְז אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטְן? מִיר דַארְפְן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אֶפְשָׁר הָאבְּן מִיר אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן? בִּיז דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁלָאסְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ צְוֵוייטֶע, אִיז דָאס זִיכֶער אַ שְׁטְרָאף פַאר'ן וֵויי טוּן יֶענֶע מֵיידְל, הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, גֶעבּ מִיר אַ גֶט אוּן גֵיי הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אִיר".

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דִי הַארְבְּקֵייט פוּן וֵויי טוּן וְכוּ' אוּן אָפְּלָאזְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט אָפְּגֶעמַאכְט אַז דִי שִׁידוּךְ זָאל וֶוערְן, אֲפִילוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט מֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער שִׁידוּךְ - אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט, דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דֶער בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## אֶפְשָׁר שַׁאדְט מִיר אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, ס'הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְס.

אִיךְ בִּין אַ וַוייבְּל, כְ'הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ בָּ"ה אַ טֵייעֶרער מַאן, אוּן מִיר הָאבְּן בָּ"ה אַ הֶערְלִיךְ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ וָואס לִיגְט מִיר אוֹיף דִי גֶעוִויסְן, פַאר אִיךְ בִּין אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן, הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן דֶערְפוּן, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע בֶּעשָׁאוֹ'ס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר'ן שַׁדְכְנְ'טֶע אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָוארְן.

דִי שַׁדְכְנְ'טֶע אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ קָרוֹב מִיט זֵיי, אוּן זִי הָאט מִיר זֵייעֶר פְּרוּבִּירְט צוּצוּרֶעדְן אִיךְ זָאל יָא טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן זִי הָאט אַיינְגֶערֶעדְט דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז מְ'הַאלְט שׁוֹין אָט אָט בַּיים עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעקוֹיפְט צִירוּנְגֶען. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן, ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט.

דֶער בָּחוּר אִיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט קַיין חָתָן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס שַׁאדְט פַאר מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן פוּן דֶעם.
~~~~~~~~~~~

איך בעט זייער אז דער ראש ישיבה זאל מיר ענטפערן וואס איך קען יעצט טון וועגן דעם.

א גרויסן יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיבֶּער בֶּעטְן דַארְף מֶען נָאר אֵיינֶעם וֶועם מֶען הָאט ווַיי גֶעטוּן, אָבֶּער אִין דֶעם פַאל וָואס אֵיינֶער הָאט אוֹיסגֶעטְרַאכְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אִיר זֶענְט דַיין כַּלָּה אוּן עֶר אִיז פוּן דֶעם בְּצַעַר הָאט דָאס גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ צוּ טוּן.

דָאס אִיז דָאךְ דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל דַארְפְן זִיךְ טְרֶעפְן פַאר מֶען מַאכְט דֶעם שִׁידוּךְ - כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֶען צִי זֵיי ווִילְן גֵיין ווַייטֶער אָדֶער נִישְׁט; כָּל זְמַן מֶען פַארְמַאכְט נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט מִיטְן צְווֵייטְן. אַז דֶער שַׁדְכָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז מֶען גֵייט ווַייטֶער מִיטְן שִׁידוּךְ וְכוּ' הָאט דָאס גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ וְכוּ'; אַסַאךְ שַׁדְכָנִים זוּכְן ווִי שְׁנֶעלֶער צוּ שְׁטוּפְן שִׁידוּכִים אוּן גֶעבְּן נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר'ן בְּחוּר אוּן מֵיידְל צוּ זָאגְן וָואס זֵיי שְׁפִּירְן, אוּן אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט נָאכְדֶעם נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, וֶוען אֵיינֶער שְׁפִּירְט אַז מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעצְווִינְגֶען וְכוּ'.

דָאס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן וָואס פַארְגִינְט אַייךְ נִישְׁט אֵייעֶר שַׁיין לֶעבְּן מִיט אֵייעֶר מַאן, דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט עֶר אַייךְ אַרַיין אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ' וְכוּ'; קְלַאפְּט אַייךְ אַרוֹיס פוּן קָאפּ דֶעם גַאנְצְן סִיפּוּר, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ צוּ טוּן.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס אִיר הָאט, אַז אִיר הָאט אַ מַאן אוּן אִיר לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אַייךְ נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס וֶועט מַאכְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מִיט אִים נָאךְ נִיסִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים

...

.[~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט אִיךְ דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל מוּז אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע גֶעוואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן חָכְמַת הַחַיִּים אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין לַאנְג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ חָשׁוּבֶ'ע אֵשֶׁת חַיִל אוּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶע זַיינֶע חֲסָדִים.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה אוֹיף מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע עֲבֵירוֹת, סְפֶּעצִיעֶל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אַ רִיכְטִיגֶע הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוֹיף יֶענֶע יָארְן.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג, מַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג רֵייף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה טוּן. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ גֶעבְּן אַ קְלָארֶע וֶועג וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע חֲטָאוֹת נְעוּרִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים מִיט אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן שִׂמְחַת תָּמִיד.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת צַו, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל - ט״ז, ל״ב, מ״א, מ״ב, נ״ט, ע״ז, צ׳, ק״ה, קל״ז, ק״נ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **״וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית״**; דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרִיבֶּערְכַאפְּן קַיין אוּמַאן צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל; דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ", אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, "וַהֲרֵי נִחַמְתִּי", אָבֶּער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע זִינְד פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין.

וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז שִׂמְחָה הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַמָאל אַ בְּרִיוו פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ פַאל דוּרְךְ מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִיצְלַן אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס [דִי בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].
~~~~~~~~~~

לְמַעֲשֶׂה פְּרוּבִיר אִיךְ טַאקֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז ס'זָאל מִיר הֶעלְפְן. אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, י"א אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל נַאכְט נָאךְ נַאכְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵוײנְט צוּם הֵיילִיגֶער מַגִּיד עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה. דֶער אִיד אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג צוּם מַגִּיד זי"ע אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט אִים דֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן עֶר וֶוערְט וַוייטֶער נִכְשָׁל בְּמִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיקקוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַּאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַנְשְׁטָאט צוּ לִיגְן אִין בֶּעט מִיטְן טֶעלֶעפָאוֹן וְכוּ' אוּן קוּקְן זַאכְן וָואס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן מִיטְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. נֶעם דִי סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן; נֶעם דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק חִיזּוּק, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין שִׂמְחָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצּוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אָמַר רָבָא, וְכֵן לַחֲלוֹם טוֹב", אַז מֶען וִויל גוּטֶע עֶרְלִיכֶע חֲלוֹמוֹת זָאל מֶען אַיינְשְׁלָאפְן מִיט שִׂמְחָה; פַאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אַרַיין קוּקְן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

[דִי בְּרִיווּ אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער בְּרִיווּ בַּאצִיט זִיךְ:

## אִיךְ הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, און אִיךְ פַאל דוּרְךְ, וָואס מֵיינְט דָאס?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת און קוּנְטְרֵסִים, און אוֹיף אַלֶעס.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְּמַנִּים, הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס "הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", און דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען און מְחַזֵּק גֶעוֶוען, און פוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ בָּרוּךְ ה' קֵיין אֵיין מָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית.

אָבֶער ס'אִיז יָא גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל זַייט דֶעמָאלְט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִיצְלָן, און אוֹיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר, און אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וָואס דָאס קוּמְט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן? וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין מִקְרֶה לַיְלָה קוּמְט פוּן אַרוּם גֵיין שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קסט): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן ׳פְּגַם הַבְּרִית׳, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ און דֶעפְּרֶעסִיעֶ, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה (לילי״ת דִי נוּקְבָא פוּנֶעם ס״מ) וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן, וַוייל דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - ׳וֵויינֶען׳.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט: ״וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?״ זָאג אִיךְ דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מָאנְט נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר: ״דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ״, בִּפְרָט בְּשָׁעַת דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ט:) אַז רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא: וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ בַּאגְרִיסְן מַיין בְּרוּדֶער רַב בְּרוּנָא, ״דְאָדָם גָּדוֹל הוּא״, וַוייל עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, ״וְשָׂמֵחַ בְּמִצְוֹת״, און עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי

מִצְוֹות וָואס עֶר טוּט. "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", אֵיין מָאל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵים צוּ זַיין דִי הַלָכָה פוּן סוֹמֵךְ זַיין גְאוּלָה לִתְּפִילָה אוּן זַיין שְׂמֵייכְל אִיז אִים נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּנִים אַ גַאנְצְן טָאג; דָאס אִיז אַן אָדָם גָדוֹל, דֶער וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹות וָואס עֶר טוּט אוּן מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, וִוי סְמִיכוּת גְאוּלָה לִתְפִלָּה הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג.

בֶּאֱמֶת פְרֶעגְן אַלֶע אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵין תּוֹסֶפֶת, דִבּוּר הַמַּתְחִיל "כָּל"): יֶעדֶער אִיז דָאךְ סוֹמֵךְ גְאוּלָה לִתְפִילָה, וָואס אִיז דִי רְבוּתָא פוּן רַב בְּרוּנָא "דְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא?!" נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:) אַז חִזְקִיָהוּ הַמֶלֶךְ הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לִתְּפִילָה, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי פְּשַׁט אִיז: "שֶׁגָּאַל אֶת הַתְּפִילָה מִן הַגָּלוּת", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי תְּפִלָּה פוּן גָלוּת; עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אַז מֶען קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְאוּלָה. דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא, "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה, וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לִתְּפִילָה.

דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה. וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צָרוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

[~~~~~~~~~~

**מֶעג אִיךְ נֶעמֶען אַ זִינְגֶער אוֹיפְ'ן חֲתוּנָה וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי עֶרְלִיךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים, בְּרִיוו, אוּן דִי נִיגוּנִים וָואס אִיךְ הֶער אַ גַאנְצְן טָאג, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ בִּין אַ חָתָן בָּ"ה, אוּן גְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת. אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי ווִי ס'אִיז דָא אַ בָּחוּר אִין מַיין יְשִׁיבָה וָואס קֶען שֵׁיין זִינְגֶען, אוּן עֶר אִיז מַסְכִּים צוּ קוּמֶען זִינְגֶען אוֹיף מַיין חֲתוּנָה פַּאר אוּמְזִיסְט. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא עֶרְלִיכֶער, עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר קֶען רֶעדְן אַמָאל מִיאוּס וְכוּ'. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מְ'טָאר נִישְׁט הֶערְן נִיגוּנִים פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע.

אוֹיב וֶועל אִיךְ אָבֶער נֶעמֶען אַ זִינְגֶער אַ יְרֵא שָׁמַיִם, וֶועט עֶס מִיר קָאסְטְן אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער. וָואס זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ קֶענְסְט נֶעמֶען דֶעם בָּחוּר צוּ זִינְגֶען בַּיי דַיין חֲתוּנָה; מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז אַ מְנַגֵן רָשָׁע. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט בֶּאֱמֶת זֵייעֶר פְּנִימִיּוּת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קטז)**: ״מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן״, אוּן זִיכֶער וֵוייסְן מִיר נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער רָשָׁע וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן פוּן אִים קַיין נִיגוּנִים.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוֹיף דֶעם אַן עֵצָה** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ג)**: אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא בַּיינַאכְט הֶעלְפְט דָאס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט שַׁאדְן דִי נִיגוּנִים פוּן אַ מְנַגֵן אַ רָשָׁע; בַּיינַאכְט מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן וֶוען עֶס אִיז נַאכְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶעמָאלְט זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ עֶס זָאל אִים נִישְׁט שַׁאדְן דִי אַלֶע נִיגוּנִים.**

**אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג פוּן דַיין לֶעבְּן; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא. נֶעם דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן** (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) **אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.**

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, פה:) וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַאשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דָאס מִיט טָעוּתִים.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נָאכְדֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן פַאר זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאבְן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~